Unemployment Insurance
Appeal Board

# ווירטואלע הירינגס

## אנטיילנעמער טשעק-אין אנווייזונגען



July 2024

## וויכטיגע באמערקונגען

- איידער אריינ'טשעקן צו אייער ווירטואלע הירינג, זאלט איר האבן אייער הירינג פעקל מיט זיך און אנשטעלן אייער דעווייס אויף "נישט שטערן" מאדע. איר זאלט אויך אראפנעמען אייער אויטאמאטישע אפציע פון פארשפארן די סקרין/זיך אויסלעשן אפציע פון אייער מאבייל סעווייס צו פארזיכערן אז אייער סקרין פארשפארט זיך נישט איינמאל איר האט שוין אריינגע'טשעקט צו אייער הירינג. אייער סקרין זאל בלייבן אקטיוו אויף אייער בראוזער אז איר זאלט קענען אריינגיין און זיך באטייליגן אין אייער הירינג אן קיין שטערונגען.
- כאטש צוויי טעג פאר אייער הירינג, זאלט איר דאונלאוד'ען די Cisco Webex אפליקאציע אויפ'ן דעווייס וואס איר פלאנט צו נוצן און מאכן א פרוואו זיצונג אויף [www.webex.com/test-meeting.html](http://www.webex.com/test-meeting.html).

> ביטע נעמט אין אכט: אויב איר נעמט אנטייל אינעם הירינג נוצנדיג א מאבייל דעווייס, וועט איר מוזן דאונלאוד'ען די "Webex Meetings". איר קענט דאונלאוד'ען די "Webex Meetings" אפליקאציע נוצנדיג איינע פון די QR קאודס אונטן.
>
> | iPhone | Android |
> | --- | --- |
> | | |
>
> צו דאונלאוד'ען די Cisco Webex אפליקאציע אויף א לעפטאפ אדער דעסקטאפ קאמפיוטער, גייט צו [https://www.webex.com/downloads](https://www.webex.com/downloads).

- הויבט אן די טשעק-אין פראצעדור אויף [www.vhc.uiab.ny.gov](http://www.vhc.uiab.ny.gov) 30 מינוט איידער אייער באשטימטע הירינג צייט. איר וועט מעגליך נישט מעגן אריינגיין צו אייער הירינג אויב איר האט נישט אריינגע'טשעקט איידער די צייט וואס אייער הירינג איז באשטימט זיך אנצוהויבן.
- Apple iPhone, iPad, אדער Mac קאמפיוטער באנוצער קענען נוצן די Safari בראוזער. Google Chrome וועט נישט ארבעטן איינמאל מען עפנט די Webex אפליקאציע.
- איר קענט באזוכן [www.vhc.uiab.ny.gov](http://www.vhc.uiab.ny.gov) פאר מער אינפארמאציע אויף וויאזוי זיך צו גרייטן פאר אייער ווירטואלע הירינג.

## טשעקט אריין צו אייער הירינג

1. גייט צו [www.vhc.uiab.ny.gov](http://www.vhc.uiab.ny.gov).
2. טרעפט אייער הירינג ID אויף אייער הירינג מעלדונג.
3. לייגט אריין אייער הירינג ID אין די פלאץ פאר די <u>ווירטואלע הירינג ID</u>.
4. דרוקט אויף די<u>Continue</u> (ווייטער) קנעפל.
5. קוקט איבער די טערמינען און באדינגונגען.
6. דרוקט אויף די <u>I Agree</u> (איך שטים צו) קנעפל צו ווייטער גיין.
7. וועלט אויס אייער ראלע (קלעימענט, ארבעטסגעבער, COL פארטרעטער, אדער אנדערע). עדות'ן, דאלמעטשער, און פארשטייער זאלן דרוקן "אנדערע".
8. איר קענט אריינלייגן אייער אימיעל אדרעס, אבער עס איז נישט פארלאנגט.
9. וועלט אויס "יא" אויב איר דארפט א דאלמעטשער, דערנאך וועלט אויס אייער שפראך.
10. דרוקט אויף די <u>Submit</u> (אריינגעבן) קנעפל.
11. לייגט אריין אייער ערשטע און לעצטע נאמען.
12. איר קענט אריינלייגן אייער טעלעפאן נומער, אבער עס איז נישט פארלאנגט.
13. דרוקט אויף די <u>Submit</u> (אריינגעבן) קנעפל.

- איר וועט געברענגט ווערן צו די ווירטואלע הירינגס צענטער ווארטן צימער וואו דער ריכטער וועט קענען זען אז איר האט אריינגע'טשעק'ט צום הירינג און זענט גרייט.
- אייער סקרין דארף בלייבן אקטיוו אויף די ווירטואלע הירינגס צענטער ווארטן צימער. אויב איר גייט ארויס פונעם בלאט, וועט איר ווערן אפגעהאקט פון אייער הירינג און איר וועט מעגליך נישט נאכאמאל קענען אריינ'טשעק'ן.
- נעמט די צייט צו איבערקוקן די וויכטיגע באמערקונגען אויף די ווארטן צימער בלאט.
- ווען די הירינג הויבט זיך אן, וועט ארויפקומען א מעלדונג מיט א גרינע Enter hearing (אריינגיין אינעם הירינג) קנעפל.

14. דרוקט אויף די גרינע Enter hearing (אריינגיין אינעם הירינג) קנעפל זיך צו באטייליגן אינעם הירינג. דאס וועט עפענען א נייע טעב אין אייער בראוזער צו אנהויבן די Webex אפליקאציע אויף אייער דעוויים.
15. עס וועט מעגליך ארויפקומען א מעלדונג וואס וועט אייך בעטן צו באשטעטיגן אז איר ווילט עפענען די Webex אפליקאציע. דרוקט אויף די Open Webex (עפענען Webex) קנעפל.
16. ווען די Webex אפליקאציע עפנט זיך, מאכט זיכער צו אנצינדן אייער מייק און עפענען אייער ווידעא.
    - דרוקט אויף די Unmute (קענען רעדן) קנעפל צו אנצינדן אייער מייק.
    - דרוקט אויף די Start video (אנהויבן ווידעא) קנעפל צו אנצינדן אייער ווידעא.
17. דרוקט אויף די Join meeting (באטייליגן אינעם זיצונג) קנעפל. איר וועט געלייגט ווערן אין די Webex לאבי ביז ווען דער ריכטער וועט אייך אננעמען צום הירינג.
18. איינמאל איר זענט אינעם הירינג, וועט איר קענען זען און רעדן מיט יעדער וואס איז אויך אינעם הירינג, אריינגערעכנט דער ריכטער.
19. ווען אייער הירינג ענדיגט זיך, וועט זיך דער Webex זיצונג פארמאכן.
20. אויב איר ווילט צוריקגיין צו די ווירטואלע הירינגס צענטער ווארטן צימער, דאן גייט צו אייער בראוזער און דרוקט אויף די Virtual Appointments (ווירטואלע אפוינטמענטס) טעב. אדער, קענט איר פארמאכן אייער בראוזער.